# די קאמיונטי (קהילה) שטודיע פֿון ניו יארק
# אפט-געפרעגטע פראגן

**פארוואס בין איך פארבעטן געווארן זיך צו באטייליקן אין די שטודיע?**
מיר האבן זיך פארבינדן מיט אייך ווייל אין פרילינג פון 2023 האט איר – אדער אן אנדערער מענטש וואס וואוינט ביי אייער אדרעס – זיך באטייליקט אין א סוּרוועי צווישן ערוואקסענע אין דעם ניו יארק ראיאן וואס זיינען יידיש אדער וועלכע וואוינען מיט איינעם וואס איז יידיש. מיר פארבינדן זיך ווידערמאל מיט אייך אין ליכט פון יעצטיגע געשעענישן. מיר זיינען אינטערעסירט צו הערן אייערע מיינונגען און ערפארונגען אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע וואכן.

**וועלכע סאָרט אינפֿאָרמאַציע זאַמלט די שטודיע?**
די שטודיע זאַמלט אינפֿאָרמאַציע וועגן אייערע מיינונגען איבער יעצטיגע געשעענישן און איבער וויאזוי זיי זיינען משפיע אויף אייך און אייער פאמיליע. מיר וועלן אייך פרעגן עטליכע פראגן וועגן אייך, ווי צום ביישפיל אייער עלטער אדער בילדונג (עדזשוּקעישען).

אייערע ענטפערס ווערן געהאלטן פולשטענדיג אין געהיים, און פערזענליכע פארבינדונג אינפארמאציע (נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער אדער בליצפאסט אדרעס) וועלן נישט מיטגעטיילט ווערן דורך דער פירמע וואס פירט דורך דעם סוּרוועי מיט דעם ספּאנסאר (די קערפערשאפט וואס האט באשטעלט) פון דער סוּרוועי אדער מיט סיי וועלכע אנדערע ארגאניזאציעס. אלע אייערע ענטפערס וועלן אויסגעמישט ווערן אן אייער נאמען מיט די ענטפערס פון אלע אנדערע ניו יארקערר וועלכע באטייליקן זיך.

**וואָס איז די צוועק פֿון דער שטודיע?**
די שטודיע וועט ערלויבן די UJA פעדערעישען און אנדערע ארגאניזאציעס אין דעם ניו יארק ראיאן צו פארשטיין וויאזוי לעצטיגע געשעענישן האבן משפיע געווען ארגאניזאציעס אויף די יידישע באפעלקערונג אין דעם ניו יארק ראיאן, אויב בכלל. די געפינסן וועלן גענוצט ווערן דורך לאקאלע נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער צו אדרעסירן די באדערפענישן פון ניו יארקערר.

מיר בעטן נישט קיין געלט און מיר פארקויפן נישט סיי וואס. די סוּרוועי איז בלויז פאר פארשונג צוועקן.

**פארוואס איז דאס אזוי וויכטיק אז איך זאל זיך באטייליקן?**
אייער פאמיליע איז געווען טייל פון די ניו יארקע קאמיונטי (קהילה) שטודיע וואס איז פארגעקומען אין פרילינג פון 2023. דאס איז געווען א סוּרוועי פון פאמיליעס אין דעם ניו יארק ראיאן וואס זיינען אויסדערוועהלט געווארן אין א גורל אויף אן אופן וואס שפיגלט ברייט אפ אלע סארטן מענטשן אין יידישע פאמיליעס. מיר דארפן אז יעדער וואס האט זיך באטייליקט אין די שטודיע זאל זיך אפרופן צו די יעצטיגע סוּרוועי כדי צו זיכער מאכן אז די אריגינעלע ליסטע פון פאמיליעס זאל ווייטער אפשפיגלען די באפעלקערונג. מיר קענען נישט ערררייכן אונזערע ציהלן אן אייער הילף.

**ווער פירט דורך די שטודיע?**
די שטודיע ווערט פינאנסירט דורך די UJA פעדערעישען פון ניו יארק (www.ujafedny.org) וואס שטיצט הונדערטע ניט-פּראָפיט ארגאניזאציעס וועלכע דינען די ניו יארקער באפעלקערונג. ווי די וועלט'ס גרעסטע לאקאלע פילאנטראָפּישע צדקה קאסע, האט די UJA די מעגליכקייט צו שנעלערהייט אויפוועקן איר לאקאלע און אלוועלטליכע נעטווארק אין צייטן פון נויט. עס העלפט נאכקומען אנגייענדע און נייע באדערפעניש פון ניו יארקערר פון אלע אפשטאמען און הינטערגרונטן, און עס פארשטארקערט יידישע קהילות אין ניו יארק און ארום דער וועלט.

די שטודיע ווערט דורכגעפירט דורך SSRS (www.ssrs.com), א גרויסע נאציאנאלע געזעלשאפטליבע וויסנשאפט (סאָושעל סייענס) פארשונג פירמע. די מאנשאפט איז צוזאמענגעשטעלט געווארן צו זיכער מאכן אז די אינפארמאציע וואס ווערט געזאמלט קומט נאך די העכסטע סטאנדארטן און אז עס שטעלט אהער די ציפערן וועלכע פעהלן זיך אויס צו מאכן פלענער פאר דער קאמיוניטי (קהילה) אויף א ווירקזאמען פארנעם.

**וועלן די רעזולטאטן פארעפנטליכט ווערן?**
יא. די ציפערן וועלן זיין צוגענגליך פאר די פובליק, און די סוּרווי רעזולטאטן וועלן פארעפנטליכט ווערן אין פרילינג פון 2025 אויף די UJA'ס וועבזייטל און אויף א בלאט וואס ערלויבט זיך ארומצושפילן מיט די וועג וויאזוי די ציפערן ווערן געוויזן. אלס א דערמאנונג: קיין שום רעזולטאטן וועלן נישט פארעפנטליכט ווערן אויף אן אופן וואס ערלויבט פריוואטע מענטשן צו אידענטיפיצירט ווערן.

**ווער באטייליקט זיך אין די שטודיע?**
די שטודיע זאמלט אינפארמאציע פון טויזנטע פאמיליעס אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער וועלכע האבן זיך באטייליקט אין די ניו יארקע קאמיוניטי (קהילה) שטודיע אין 2023. ערוואקסענע פון אלע סארטן הינטערגרונטן האבן זיך באטייליקט אין די שטודיע. מיר האפן צו אנקומען צו פארשידענע חלקים פון די קאמיוניטי (קהילה) כדי צו באקומען אן אקוראטע בילד פון די באפעלקערונג.

**ווי אזוי האט איר באקומען מיין אדרעס?**
אייער אדרעס איז אויסגעוועהלט געווארן אין א גורל ארויס פון אלע פריוואטע אדרעסן אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער. אלע אדרעסן האבן געהאט אן אויסזיכט צו אויסגעוועהלט ווערן כדי צו זיכער מאכן אז די סוּרווי שפיגלט אפ אלע ניו יארקער. אדרעסן זיינען גענומען געווארן פון עפנטליכע מקורות. מיר פארבינדן זיך יעצט מיט אייך באזירט אויף אינפארמאציע וואס איר האט אונז געגעבן אין אונזער פאריגע סוּרווי.

**וואס איז אויב איך וויל נישט ענטפערן אויף א געוויסע פראגע?**
דאן קענט איר עס לאזן ליידיג. ביטע זייט זיכער אז אייערע ענטפערס וועלן געהאלטן ווערן אין געהיים. פערזענליכע פארבינדונג אינפארמאציע (נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער אדער אימעיל אדרעס) וועלן נישט געהאלטן ווערן צוזאמען מיט אייערע ענטפערס.

**ווי לאנג וועט עס נעמען? צי קען איך אנהייבן דעם סוּרווי יעצט און עס ענדיקן אין א שפעטערע צייט?**
אין דורכשניט נעמט די סוּרווי בערך 15 מינוט. איר קענט אנהויבן די סוּרווי און עס ענדיגן אין א שפעטערע צייט; דער פראגראם וועט אויטאמאטיש געדענקען די אינפארמאציע וואס איר האט שוין אריינגעלייגט. ווען איר לאַגט צוריק אריין וועט איר דארפן די קאָוד פון די בריוו וואס האט אייך פארבעטן זיך צו באטייליקן. איר וועט גלייך גענומען ווערן צו די פלאץ וואו איר האט געהאלטן.

**מער אינפארמאציע**
אויב איר האט סיי וועלכע אנדערע פראגן וועגן דער שטודיע, פארבינדט אייך ביטע מיט די מאנשאפט פון דעם פראיעקט ביי SSRS דורכן שיקן א בליצפאסט בריוו צו info@NYCommunityStudy.com.